**והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו**

# אינהאַלטסרייכער שמועס

## מיט'ן "ועד החינוך" פון ת"ת תורה ויראה דרב"י דסאַטמאַר-קרית יואל מיט אַלע אינפאָרמאַציע אַרום די נייע אָפּטיילונג אינערהאַלב די מוסדות הק'

*אַ רייַנפיר:*

*אין די לעצטע טעג איז געוואָרן א שטאַרקע אויפוואַכונג אַרום די נייע אָפּטיילונג וואָס איז געעפנט געוואָרן עטוואָס מער ווי א יאָר צוריק אינערהאַלב די באַרימטע מוסדות הק' דקרית יואל, מיט'ן ציל צו ערמעגליכן פאַר די ליכטיגע תינוקות של בית רבן צו דערגרייכן א געוואַלדיגע ידיעת התורה, סיי בכמות און סיי באיכות, און כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאַטמאַר שליט"א האָט עטליכע מאָל באַזונדער אויסגערימט די אָפּטיילונג מיט אירע הערליכע פּירות, און אַרויסגעברענגט רגשי לבבו ביים מיטהאַלטן עטליכע מאָל די בחינות פון די תלמידים וואָס מ'ווערט ממש ערשטוינט צו זען יונגע קינדער מיט אַזוינע אויסטערלישע ידיעות.*

*פון די אַנדערע זייט זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע וואָס האָבן צוליב פּאָליטישע חשבונות באַשלאָסן צו שרייבן און פאַרשפּרייטן שקרים וכזבים קעגן דעם אָפּטיילונג, אינדערצייט וואָס זיי אַליין מאַכן קלאָר אַז 'זיי' ווייסן נישט פונקטליך דעם סדר הלימוד' וואָס מ'לערנט דאָרט, אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן פון אַטאַקירן כאילו "מען איז משנה דעם חינוך און מסורה מדור דור". - און דאָס האָט ווידער אַרויפגעברענגט א ברייטע אינטערעסע ביים ציבור איבער די נייע אָפּטיילונג, צו וויסן און מיטהאַלטן די אַנטוויקלונגען און דעם סדר הלימודים פונעם אָפּטיילונג.*

*מיר האָבן דעריבער זיך פאַרבינדן מיט די חשוב'ע חברי ועד החינוך פון די קרית יואל'ער מוסדות, וועלכע האָבן אַריינגעלייגט במשך די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר געוואַלדיגע כוחות אַהערצושטעלן דעם אָפּטיילונג אויפ'ן בעסטן און שענסטן פאַרנעם, און פאָלגנד ברענגען מיר פאַר אייך, חשוב'ע ליינער, דברים כהווייתן, א גרונטליכער אַריינבליק פון 'אונטער די קוליסן' פון אַלע אמת'ע דעטאַלן פונעם געוואַלדיגן דורכברוך וואָס מ'האָט באַוויזן אַהערצושטעלן, בעידודו ועפ"י הוראותיו פון סאַטמאַרער רבי'ן שליט"א מרא דאתרא קדישא קרית יואל, וואָס וועט ברענגען בע"ה ווייטגרייכנדע תוצאות לטובת דעם חינוך פון אַזויפיל תינוקות של בית רבן.*

### צוערשט, אויב איר קענט אונז דערציילן וויאזוי איז צושטאנד געקומען דער "ועד החינוך" פון מוסדות קרית יואל, און וויאזוי איר זענט אויפגענומען געווארן אלס מיטגלידער?

ס'איז געוועזן מיט קנאַפּע פערצן יאָר צוריק, אין יאָר תש"ע, האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א אונז געלאָזט רופן אין א ווינטערדיגן מוצש"ק, מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס דער רבי וויל, אָבער אַז דער רבי רופט איז מען אודאי געקומען.

ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען האָט דער רבי אונז געזאָגט, אָן קיין שום הקדמות, אַז ער וויל אונז אויפנעמען אַלס ועד החינוך זיך אָפּצוגעבן מיט די תלמוד תורה און אויפהייבן איר ניוואָ צום העכסטן און בעסטן שטאַפּל וואָס מעגליך. ס'איז געווען פאַר אונז א שטאַרקער שאָק, אָבער דער רבי האָט אונז וואַרעם אָנגעווינטשן, און אַרויפגעלייגט אויף אונז די עבודה קשה שבמקדש.

זינט דאַן זענען מיר כסדר עוסק בקדשים, צו טון אַלעס וואָס מעגליך לעשות רצון צדיק און אויספירן די שווערע אויפגאַבע וואָס דער רבי שליט"א האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט.

[גראדע האָט איינער פון די אָרגינעלע חברי הועד נישט געקענט מיטהאַלטן צוליב וואָס ער איז זייער אָפט געווען אָפּוועזנד פון שטאט, און דאַן האָט מען אַריינגעברענגט אַן אַנדערן במקומו].

דער רבי האָט אונז ביי יענע זיצונג געזאָגט אַז דער מוסד שטייט אויף א הויכן שטאפּל, אָבער בעסער האָט נישט קיין שיעור. אויך האָט דער רבי אונז קלאָר געמאַכט, "ס'זענען דאָ מנהלים, איר זענט נישט קיין מנהלים, איר דאַרפט נישט אויפזאָגן קיין מלמדים אד"ג, נאָר זען וואָס מ'קען אַרויפברענגען די תלמוד תורה".

באַזונדער האָט דער רבי געזאָגט אז "איך נעם אויף ענק דריי, אָבער איך וועל זיין דער פערטער שותף אינעם ועד החינוך, און איך וויל אַלעס מיטהאַלטן", און טאַקע מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט אַן אָפענע טיר ביים רבי'ן שליט"א. מיר האָבן כסדר געברענגט די אָפּדעיטס און אַנטוויקלונגען פון אונזער אַרבעט, און מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן דעם רבינ'ס הדרכה און באַגלייטונג אויף יעדן טריט און שריט.

### אויב מען מעג פרעגן, מ'האט קיינמאל כמעט נישט געהערט פונעם ועד החינוך, וואס האט מען געטון די אלע יארן זינט דאן?

פאַר אונזער אַרבעט האָט קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין פּרסום, און מיר שטייען געוועגליך אַוועק דערפון, ווי דו אַליינס קענסט עדות זאָגן אַז אויך דער דאָזיגער שמועס איז נישט אָנגעקומען צו לייכט... מיר האָבן אַלע יאָרן געאַרבעט שטילערהייט, 'אונטער די קוליסן'. וואָס ס'האָט זיך פאַרלאַנגט פאַר אונזער אויפגאַבע זענען מיר געשטאַנען אין כסדר'דיגע פאַרבינדונג מיט מרן רבינו שליט"א און די הנהלת המוסדות, און סיי וועמען ס'האָט אויסגעפעלט, אָבער מיר האָבן נישט געדאַרפט קיין קרעדיט פאַר זיך, און נישט געזוכט אָנצוקומען צום ברייטן ציבור.

נאָר יעצט איז עס געוואָרן א הכרח המציאות ווען אַזויפיל מענטשן ווילן וויסן און הערן די פונקטליכע דעטאַלן איבער די גרויסע אויפטוען פונעם נייעם אָפּטיילונג, און ווילן אויך וויסן וואָס איז אמת און וואָס נישט, דעריבער זענען מיר איינגעגאַנגען אַרויסצוקומען צום ברייטן פּובליקום.

צו די עצם פראַגע דיינע. ווי פאַרשטענדליך, תיכף נאָכ'ן ווערן באַאויפטראַגט דערצו דורכ'ן רבי'ן, האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן יומם ולילה נאָכצוגיין און פאַרשטיין יעדן פּרט ופּרט פון די רוחניות'דיגע חלקים וואָס שפּילט זיך אינערהאַלב די מוסדות הק'. זען אויב ס'איז דאָ וואָס מ'דאַרף פאַרבעסערן און וואָס מ'קען אויפטון צו הייבן נאָכמער דעם ניוואָ פון די קרית יואל'ער מוסדות, וועלכע זענען פקיע שמייהו איבער דער גאָרער וועלט מיט דעם אויסגעצייכנטן חינוך.

### וואס איז געווען דער 'שפּיץ' פון אייער ארבעט?

ס'האָט אונז נישט געדאַרפט דויערן לאַנג ביז מיר האָבן געזען אַז במשך די לעצטערע יאָרן איז אַנטשטאַנען א גרויסער שינוי בנוגע די לימודים וואָס מ'לערנט צווישן אַמאָל און היינט. - און ס'דאַרף קלאָרגעשטעלט ווערן תיכף ומיד. דער טויש איז נישט עפּעס וואָס איז אייגנאַרטיג פאַר קרית יואל! אַלע מוסדות התורה אין אַמעריקע, און ווען מ'זאָגט "אַלע" מיינט עס "אַלע", האָבן במשך די יאָרן זייער אַסאַך אַראָפּגעשניטן פון וואָס

און וויפיל און וויאַזוי מ'פלעגט לערנען מיט די קינדער אַמאָל.

### וואס איז טאקע די סיבה אז מ'האט אזויפיל געטוישט און געשניטן פונעם אמאליגן סדר הלימודים?

ס'האָט מסתמא מערערע סיבות, אָבער א הויפּט נקודה איז די כלליות'דיגע קללה אַז היינט צו טאָגס פעלט "פּאָקוס", עפּעס וואָס דערקענט זיך אין די גאַנצע וועלט, הקטנים עם הגדולים, אין די אידישע וועלט ווי להבדיל די גוי'אישע וועלט. און ווען קינדער זיצן נישט איין אין קלאַס, איז דאך אודאי נישט שייך צו לערנען וויפיל מ'דאַרף.

היינטיגע צייטן האָבן מענטשן נישט קיין געדולד צו גאָרנישט. א גרויסער חלק מענטשן ווען ניטאַמאָל האָבן קיין געדולד צו ליינען דעם שמועס... און אויב ערוואַקסענע האָבן פאַרלוירן דעם געדולד, וואָס קען מען שוין ערוואַרטן פון קליינע קינדער אין חדר?!

### צוריק צו אונזער שמועס, וויאזוי האבן זאכן זיך גערוקט ווייטער?

ווי געזאָגט, האָבן מיר זיך גענומען שטאַרק אַריינלייגן אינעם סדר הלימודים, און מיר האָבן געזען אַז דער ניוואָ פון די לימודים איז געפאלן היינט צו טאָגס. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי פילע מוסדות, פון פילע קרייזן, און מיר האָבן געזען אַז דער פּראָבלעם איז א 'מכת מדינה'. פון זייער אַסאַך פּלעצער האָבן מיר געהערט אַז היינט לערנט מען ווייניגער, צומאָל איז עס געווען באַגלייט מיט א קרעכץ פון "ירידת הדורות", און גאַנץ אָפט ניטאַמאָל דאָס. אַזוי איז עס, מ'לערנט ווייניגער און פאַרטיג.

מיר האָבן אויך געהערט פון רבי'ן שליט"א דאָס זעלבע, אַז ס'טוט אים וויי דער מציאות וואָס היינט לערנט מען אַזויפיל ווייניגער, אָבער נאַטורליך איז די שאלה געווען, וואָס איז דען שייך צו טון? אין די זעלבע צייט זענען פילע אַנדערע נושאים אַרויפגעקומען אויפ'ן טיש, און מיר זענען ב"ה אַלעמאָל געווען געבונג פאַרנומען, אַזוי אַז מיר האָבן נישט געהאַט געטראָפן קיין ריכטיגע לעזונג דערצו.

עטליכע יאָר שפּעטער האָבן מיר איינגעזען אַז מ'מוז האָבן א פעאיגן מענטש וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט די עבודה קשה שבמקדש צו האָבן קאָנטראָל אויף די לימודים און הלוך ילך פון גאַנצן מוסד. פון יאָר צו יאָר זענען די מוסדות הק' קרית יואל געוואַקסן אומאויפהערליך בלעה"ר כ"י, און מ'האָט גענדאַרפט צוזאַמברענגען דעם גאַנצן מוסד אונטער איין פירערשאַפט.

מיר האָבן דאַן געאַרבעט מיט די הנהלת המוסדות אַז מ'זאָל אויפנעמען הרה"ג ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א, וועלכער איז ביז דאַן געווען דער מנהל פון כיתה ט' [וואָס רופט זיך היינט "מכינה לישיבה"],

כבוד נכדי אהובי הרב הגאון שלם מאד בתוי"
כש"ת מהר"ר יוסף בנימין הלוי שליט"א, רב אלעד,
ר"מ בישיבתינו לאי"ט.

אחדשה"ט וש"ת באהבה,

**אשר** שאלת כהלכה בענין סדר הלמודים של הקטנים שהגיעו לשנת למוד מקרא בגיל חמשה, כמבואר במשנתינו סופ"ה דאבות בן חמש למקרא, והיות כי כמה שנים כבר קיים פה עיה"ק ת"ת זיו התורה שחזרו לראשונות ללמוד עם הילדים כה"ת מבראשית עד הסוף בסדר אחד לא מדלגים מפרשה לפרשה לפי פרשיות השבוע כנהוג ברוב ת"ת, והם חוזרים על משנתם להיות הכל שגור בפיהם הדק היטב עם ביאור תורה שבע"פ חז"ל השייכים לפסוקי קודש ואח"כ למוד משניות כל סדר מועד על הסדר תורה שבע"פ, והם מגליחים מאד בדרכם זה והנסיון והבחינות יעידו, ומשמיעים להם ג"כ בכל שבוע גם מעיקרי הפרשה.

**ואתה** שואל בשבילך להנלמת חינוך ילדיך היקרים, ואתה שואל בשביל עיר אלעד שיסדת שם ת"ת אם להנהיג כמו עד עכשיו או לאחוז בדרך מוצלח הזה כי הנסיון יותר ממאה עדים, ובפרט אם נעשה הכל על טהרת הקודש ויראה קדומה.

תורה שבכתב דהיינו חמשה חומשים שיש על כל פסוק ותיבה מסורת קדושת תורה שבע"פ שהם מקיימי חיינו לאמונת ה' ותוה"ק, זה נשאר קיים, ויש חיוב להרגיל לתלמידים הרכים בזה בתחלת למודם.

**דהיינו** שלא רק לדעת איזה פרשה נקראת בשבוע זאת, אלא ללמוד כמה שנים תורה שבכ' על הסדר והמלמדים מפרשים להם קיצור פירושי חז"ל והלכות על כל מקרא ומקרא מתחלת התורה עד סופה, זה יסוד עצום לתועלת הדורות, ומרחיק התינוקות מסכנת המינים ואפיקורסים, ומקרב עצמם כבר אז לתורה שבע"פ באופן הנ"ל.

**וכמדומני** שאין אחד יכול לפקפק בזה כי דרך זה הוא תועלת עצומה מאד לימוד ויסודי התורה ומאד היראה, בפרט הנ"ל שמודיעים להם עוד כל שבוע מעין הפרשה, ואיני רואה בזה שום נטי' ח"ו מדרך המקובל מאבותינו ורבותינו, אשר הוא נר לרגלינו.

והנני רבך זקינך באה"ר דוש"ת בלות"ח, מצפה לחסדי ה'.

**פוסק הדור הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואַזנער זצ"ל, אין שו"ת שבט הלוי (חלק י"א סי' רכ"ו), שרייבט א תשובה צו זיין אייניקל יבל"ח כ"ק אדמו"ר משבט הלוי שליט"א, וואו ער לויבט גאָר שטאַרק אויס דעם סדר הלימוד אין ת"ת זיו התורה אין בני ברק, און ברענגט אַרויס דעם געוואַלדיגן אויפטו פון דורכלערנען די גאַנצע תורה פון אָנהייב ביז'ן סוף עטליכע יאָר על הסדר וואָס "זה יסוד עצום לתועלת הדורות"**

אַלס ראש המנהלים, וואָס ס'איז געווען איבריג צו מאריך זיין וואָס איז גוט באַקאַנט, בפרט פאַר תושבי קרית יואל, איבער די אויסטערלישע און געטרייע אַרבעט וואָס ער לייגט אַריין יומם ולילה מיט גרויס געניטשאַפט און איבערגעגעבנקייט צו הייבן דעם ניוואָ פון די מוסדות הק' עשרת מונים.

און ס'דאַרף טאַקע אַרויסגעברענגט ווערן בשער בת רבים, אַז אָ הויפּט גורם צו דעם וואָס די תלמוד תורה אין קרית יואל שטייט אויף אַזאַ הויכן ניוואָ, וואָס ווערט געשעצט און אויסגערימט אין גאַנצן עולם החינוך איבער די וועלט, איז אַדאַנק די אומערמידליכע עבודת הקודש פון ר' ברוך שלמה שליט"א, וואָס יעדער מנהל און יעדער מלמד און יעדער טאַטע אין קרית יואל האָט אַלעמאָל ביי אים אַן אוזן קשבת, און ער באַווייזט כסדר אויפצוטון גדולות ונצורות צו הייבן דעם מוסד למעלה למעלה.

ערגעץ אין יענע תקופה איז הגה"צ רבי שמואל דוד סאַקס שליט"א, היינט רב שכונת קעסקעיד ודומ"ץ ביהמ"ד בנין געלבשטיין דקהל יטב לב דסאַטמאַר-וויליאַמסבורג, אַרויסגעקומען מיט א ספּעציעלן הפלא'דיגן מהלך טאַקע איבער די נושא וויאַזוי צו לערנען מיט קינדער, בפרט היינטיגע קינדער, אויף א וועג אַז זיי זאָלן קענען לערנען און פאַרשטיין אַסאַך מער און אַסאַך גרונטליכער, אַרויסצוהאָבן דעם פּירוש המילות פון וואָס מ'לערנט, און נאָך פאַרשידענע נקודות.

מיר זענען דאַן עטליכע מאָל אַריינגעפאָרן קיין וויליאַמסבורג, צוזאַמען מיט הרה"ג ר' ברוך שלמה שליט"א, און געזעצן מיט אים בנוגע וויאַזוי צו אימפּלעמענטירן דעם מהלך אין די תלמוד תורה אין קרית יואל. און במשך די צייט איז כסדר צוריק אויפגעשווימען די נושא איבער וויאַזוי מ'קען לערנען מער מיט די קינדערלעך, צו מקיים זיין דעם "ושננתם לבניך" אויפ'ן העכסטן פאַרנעם וואָס מעגליך

### ווען איז מען אנגעקומען צו די איצטיגע פאזע פון די נייע אפטיילונג?

אין די לעצטע יאָרן, נאָכ'ן זוכן און נישטערן, זענען מיר געוואויר געוואָרן אַז אין ארץ ישראל לערנט מען יאָ מער מיט די קינדער פון וויפיל מ'לערנט היינט דאָהי, בפרט נאָך וואָס אורחים וועלכע האָבן באַזוכט די סאַטמאַרע מוסדות אין ירושלים און בני ברק האָבן צוריקגעברענגט גרוסן מיט גרויס התפּעלות איבער די ידיעות וואָס אָרטיגע קינדער האָבן.

דורכאויס דאס נאָכגיין דעם סדר הלימודים אין ארץ ישראל'דיגע מוסדות, האָבן מיר אויך געהערט איבער א ספּעציעלן מעטאָד וואָס מ'רופט "זכרו תורת משה", א געוויסער מהלך וואָס ערמעגליכט די קינדער צו לערנען אַסאַך מער און קונה זיין יונגערהייט אויסטערלישע ידיעות התורה. [זעט מער שפּעטער.]

פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז אונז געווען זייער אינטערעסאַנט. ספּעציעל ווען מיר האָבן צוריקגעהערט עפּעס אויסטערלישע

גריסן אַז די קינדער וואָס לערנען לויט דעם מעטאָד זענען קונה אומגלויבליכע ידיעות, וואָס אפילו ערוואַקסענע זענען צומאָל נישט קונה. בפרט דער מציאות אַז די קינדער לערנען זיך אויס די גאַנצע סדרה, און אַז עווענטועל קומט מען אָן צו א מצב וואָס מ'לערנט יעדע איינציגע וואָך די גאַנצע סדרה פון יענע וואָך, וואָס איז ווי פאַרשטענדליך א געוואַלדיגע ערגרייכונג אויב מ'קען דאָס באַווייזן.

נאָכ'ן זיך מער אַריינלייגן דערין האָבן מיר געהערט אַז ס'זענען פאַראַן צענדליגער מוסדות אין ארץ ישראל וועלכע לערנען לויט דעם מהלך, ווייניגסטנס טיילווייז, און אַז די תלמוד תורה "זיו התורה" אין בני ברק, אונטער די הנהלה פון הרה"ג ר' מאיר ווייסמאַן שליט"א, איז פון די הויפּט חסיד'ישע ת"ת וואו דער מעטאָד ווערט אַנטוויקלט און אויפגעבויט שוין פאַר העכער צוואָנציג יאָר.

אויך האָבן מיר געזען די ווערטער פונעם גריסן גאון ופוסק הדור הרב וואָזנער זצ"ל, אין שו"ת שבט הלוי (חי"א סי' רכ"ו), וואו ער דרוקט זיך אויס מיט גאָר שטאַרקע לויב ווערטער אויף דעם דרך הלימוד און טאַקע ספּעציפיש אויף דעם מוסד "זיו התורה", און ער שרייבט צווישן אַנדערן אַז "דער וועג איז א געוואַלדיגער תועלת מצד לימוד התורה און מצד היראה", און אַז "זיי זענען שטאַרק מצליח אין זייער וועג ווי דער מציאות, און די פאַרהערס, ווייזן". ער פּירט דאָרט אויס אַז "איך זע נישט דערין קיין שום נטי' פונעם דרך המקובל מאבותינו ורבותינו".

### *איין מינוט, איך האט נישט באלד געזען אז דער ספעציעלער סדר וואס מ'לערנט דארט איז א שינוי פון אונזער מסורה?*

אודאי האָבן מיר באַמערקט אַז עס איז א שאלה.

ווי פאַרשטענדליך איז עס געווען פאַר אונז א געוואַלדיגע שמחה צו הערן אַז ס'איז דאָ אַזאַ מציאות, אַז מ'קען דורך דעם ספּעציעלן מעטאָד (זעט שפּעטער מער דעטאַלן) אויסלערנען פאַר קינדער צו קענען די גאַנצע סדרה, אָבער וואָס מער מיר האָבן אַריינגעקוקט דערין איז באַלד אויפגעשווימען די שטאַרקע שאלה: לויט יענעם מעטאָד קומט אויס אַז פאַר בערך אַנדערטהאַלבן ביז צוויי יאָר, ד.ה. פון אָנהויב כיתה ב' ביז אינמיטן אָדער ענדע כיתה ג' - וואָס זיי הייבן אָן לערנען דעם מהלך פון כיתה ב' - לערנט מען נישט די פּרשה פון יענע וואָך, נאָר מ'לערנט חמשה חומשי תורה על הסדר, וואָס מיינט אַז למשל פּרשת שמות, וועלן די קינדער נאָך האַלטן מיט'ן לערנען ביי סוף פּרשת חיי שרה, אאז"וו. און אויך דערציילט מען פאַר די קינדער דעם סיפּור המעשה פון די סדרה פון די וואָך, אָבער מ'לערנט נישט אינעווייניג אין חומש פון יענע סדרה.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז לכאורה א שטאַרקע שאלה אויב דאָס איז א טויש פון אונזער מסורה, צו לערנען די פּרשת השבוע יעדע איינציגע וואָך.

ס'איז דאָ ווער ס'האָט אויפגעברענגט א טענה, אַז מען מעג פאַר א יאָר צוויי לערנען אַזוי מיט די קינדער, און עווענטועל קומט מען דאָך ממילא צוריק צו לערנען יעדע וואָך די גאַנצע סדרה פון פּרשת השבוע, און נאָר פאַר די אַנדערטהאַלבן יאָר לאָזט מען עס אויס כדי צו קענען לערנען גאַנץ חמשה חומשי תורה על הסדר. ממילא קומט אויס לויט זיי אַז ס'איז "יצא הפסדו בשכרו". יעצט טאַקע לאָזט מען אויס א שטיק צייט דאָס לערנען די פּרשת השבוע, אָבער לכבוד דעם וועלן די קינדער זיך קענען אויסלערנען דעם גאַנצן חומש, און ווען זיי וועלן אויפוואַקסן וועלן זיי האָבן פאַר זעקס יאָר געלערנט און גע'חזר'ט יעדע וואָך די גאַנצע סדרה, נישט נאָר ביז שני-שלישי-רביעי.

ביי אונז דאָהי איז אודאי נישט געקומען אין באַטראַכט אַליינס דן צו זיין אויף אַזאַ האַרבע שאלה וואָס רירט אָן די מסורה. נו, דערפאַר האָבן מיר דאָך ב"ה וועמען צו פרעגן... דער מוסד האָט א בעל הבית, און מיר האָבן אויפגעברענגט די שאלה פאַר כ"ק מרן רבינו שליט"א.



### ע"כ אני אומר לך בדור הגרוע הזה מהראוי להרחיק את הבנים גם מחכמת הדקדוק, רק תיכף מנעוריו ירגילוהו רק בפנינות התלמוד ויסודותיו בהררי קודש, ובכל יום מעט מן המקרא נביאים וכתובים עד שיהיה שגור בפיו כל המקרא (חוץ התורה הקדושה צריך ללמדה כולה מראש ועד סוף בהתחלת לימודו כשיבין לדבר דבר לפי שכלו) וידיעוהו בימי נעוריו מדקדוק הנצרך מאוד דהיינו דגוש ורפה, וסגולת

**דער הייליגער בני יששכר אין ספה"ק מעין גנים, פאָדערט אַז א קינד דאַרף ענדיגן גאַנץ חמשה חומשי תורה בעפאָר מ'הייבט אָן לערנען גמרא**

### *וואס האט דער רבי שליט"א געזאגט בנוגע די פראגע איבער משנה זיין די-מסורה?*

דער רבי האָט געוואָלט הערן אַלע פּונקטליכע פּרטים און פּרטי פּרטים איבער'ן סדר הלימוד. פון ארץ ישראל האָבן מיר אַראָפּגעברענגט א מחנך מומחה וואָס זענען איז גוט אויסגעקאָכט מיט אַלע דעטאַלן, און דער רבי שליט"א איז א לאַנגע צייט געזעצן מיט זיי אים און מברר געווען וויאַזוי דאָס גייט צו, וואָס מ'לערנט ווען, און וויאַזוי זייערע ספּעציעלע מעטאָדן אַרבעטן.

דערנאָך זענען מיר אריין צום רבי'ן שליט"א. דער רבי שליט"א האָט באַלד פון די ערשטע מינוט געזאָגט אַז מ'גייט דאָס מאַכן בלויז אַלס אַן "עקספּערימענט", מ'גייט אויספּרובירן צו זען אויב דער סיסטעם קען טאַקע אַרבעטן, און בעיקר, האָט דער רבי קלאָרגעשטעלט אַז ס'קומט אודאי נישט ח"ו אין באַטראַכט צו טוישן די מסורה פון לערנען פּרשת השבוע אפילו נישט פאַר איין רגע. וואָס יאָ, דער רבי האָט אונז געהייסן אַריינקוקן זען צי מ'קען מאַכן דעם סיסטעם אַרבעטן אַז מ'זאָל לערנען יעדע וואָך די פּרשת השבוע פון יענע וואָך,

"אין אַזאַ פאַל - ד.ה. אויב ס'קען אַרבעטן אויך מיט'ן לערנען יעדע וואָך יענע פּרשה - דאַן איז עס בכלל נישט קיין שינוי, נאָר א



קיח     שלהבת     עניני חינוך מרביה"ק זי"ע     קודש

לדעת באיזה אופן ובפני מי לקום ולזה צריכים להיות כבר לבר דעת אבל בשביל זה לבד א"א להחליטו בתור עז"פ אבל בוודאי שצריך ללמדם להיות בעל ד"א ועיקר הוא המדות.

ח. ועל השאלה לקבוע השיעורים, כמה צריך ללמוד, למשל בכתות הגבוהות שבשביל הגמ' צריך להזניח חורש"י, השיב כ"ק מרן (שליט"א) [זצוקללה"ה], בדלהלן.

שבוודאי צריך ללמוד חורש"י, כל התורה כולה וגם תנ"ך להעביר אותו כי זהו תורה שבכתב - וגם החיוב להשלים הפרשה עם הציבור הוא עם פירש"י כי אנו אין מבינים התרגום וממילא עיקר הפירוש לנו הוא רש"י ויש גם כמה בע"ב וגם בעלי הוראות שאינם יודעים חורש"י.

ט. ועל הערות המלמדים שההורים אינם בוחנים הילדים רק גמרא, אמר כ"ק אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה], בדלהלן.

שהסיבה לכך היא משני טעמים, ראשית כל הם בעצמם אינם יכולים וגם לא יכול לשאול משהו אחר, כיון שגם הוא לא יכול, אבל בגמ' יש לו קצת ידיעה, ואפילו אם אין לו אז יש לו ידיד שיודע קצת, אבל חורש"י אינם יודעים, והשנית הוא "גאות" שבנו לומד כבר גמרא.

י. ועל הערות המלמדים שאין להם זמן מספיק על זה, השיב כ"ק מרן אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה], בדלהלן.

שצריכים לנהוג שלא יתחילו ללמוד גמ' עד שעבר כל התורה כולה וידעו אותו רק אז יתחילו ללמוד גמ', או שבכתה שמתחילים גמ' ילמדו רק קצת גמרא והעיקר הלימוד יהי' חומש ורש"י.

יא. ועל השאלה איך להתנהג עם הילדים בעניני התפלה, כי חלק גדול אינו מתפללים אפילו בביהמ"ד, השיב מרן אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה], בדלהלן.

שלא מבעיא עד תשע שנים שלא הגיעו לחינוך יכולים לאכול מקודם בבתיהם ולהתפלל בהחדר תחת השגחת המלמד, אלא אפילו עד הבר מצוה יכולים ג"כ לאכול מקודם כי גם מעיקר הדין חלוש יכול לאכול מקודם התפלה ובוודאי שזה יותר נכון משלא להתפלל כלל.

ועל הערות המלמדים שהאבות נותנים פתקא שהם מקבלים אחריות שמתפללים בבתיהם, השיב מרן אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה] ...

קיט     שלהבת     עניני חינוך מרביה"ק זי"ע     קודש

"טעות סופר", כי הלא הם כבר אצל עבודתם בשעה שהם מתפללים ואיך נותנים אחריות.

ועל הערות אחד מהמנהלים שהאבות לא יסכימו שבניהם יאכלו מקודם התפלה, השיב מרן אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה], שיאמרו בשמו שנתן הפקידה כן, ומי שלא ירצה לציית יכול לילך למקום אחר.

ועל הערות המלמדים שגם בחורי הבר מצוה אינם מתפללים, השיב מרן אדמו"ר (שליט"א) [זצוקללה"ה], בדלהלן.

שגם הם יתפללו בהחדר ושיביאו עמהם ארוחת הבוקר ויתנו להם בבית התבשיל חלה מהישיבה.

(נרשם בשעתו ע"י חד מותיקי תלמידי רביה"ק זי"ע הרה"ח כהן שדעתו יפה כמוהר"ר ר' וואלף כ"ץ שליט"א ותשו"ח לו על שמסרה לנו בעין יפה לזכות הרבים)

סדר והנהגה להמלמדים שנשמע מפי
כ"ק אדמו"ר הרה"ק מסאטמאר זצוק"ל

זמני הלימוד:

א. המלמד צריך שיהי' בחדרו טרם שיבואו התלמידים, בכדי להמתין על התלמידים, שזה עושה רושם אדיר על התלמיד כאשר יעיד החוש.

ב. אין לו לעזוב את חדרו בזמן הלימוד, וצריך להיות נוכח בשעת תפלתם, ואם מתפללים בחדרים צריך שישגיח עליהם לשמוע את העברי שאומרים שלא ישתבשו הילדים, ולהרגילם בסדר התפלה, כי ההרגל נעשה טבע חדשה.

ג. אם התלמידים מתפללים במנין צריך שיהי' רבם עומד עליהם לשמרם ולהשגיח עליהם שיתפללו בקול המעורר הכוונה, ולא ידברו בעת התפלה מתחלה התפלה עד אחר התפלה, ושיענו אמן על כל ברכה.

ד. ללמדם דרך ארץ, המלמד הוא המחנך, והלשון שהמלמד מדבר עם הילדים הוא נחקק בזכרונו לעולם, ע"כ צריך לזה זהירות יתירה ואם מקבל הנהגה טובה מה שעיניו רואות אצל המלמד שלו, ילך תמיד בדרך הטוב שקיבל ...

**די עדות'שאַפט פון הרה"ח ר' וואָלף כ"ץ שליט"א, וויאַזוי מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע האָט געהאַט פאַרלאַנגט אַז מ'זאָל דורכלערנען מיט די קינדער גאַנץ חומש-רש"י בעפאָר מ'הייבט אָן לערנען גמרא**

הוספה", האָט דער רבי קלאָר געמאַכט.

## וויאזוי איז צוגעגאנגען ווייטער דאס פאקטישע עפענען דעם אפטיילונג?

מיר האָבן די ערשטע זאַך זיכער געמאַכט אַז ס'קען טאַקע אַרבעטן א מהלך פון לערנען יעדע וואָך די סדרה, אַזויפיל וויפיל מ'לערנט אין אַנדערע כיתות פון דעם יאָרגאַנג, און נאָך אַלץ אָנגיין מיט'ן איבריגן טייל פון די לימודים, און נאָכ'ן אויסאַרבעטן דעם צוגאַנג דערצו, האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן אין די פאַקטישע אַרבעט פון אויפשטעלן דעם אָפּטיילונג.

דאָס איז געווען פון די ריכטיגע 'עבודות קשות שבמקדש', און ווען נישט די סיעתא דשמיא און כסדר'דיגע באַגלייטונג פון מרן רבינו שליט"א, וואָלטן מיר עס זיכער נישט געקענט באַווייזן.

די ערשטע און שווערסטע חלק איז געווען, זוכן און טרעפן א מלמד.

און דאָ פעלט אויס א שטיקל אריכות, טאַקע ווייל ס'איז שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן די נקודה איבער דעם חילוק צווישן א מלמד ביי אונז און אַלגעמיינע מלמדים.

## אונז וויל מיר טאקע פארשטיין, וואס איז דער חילוק פון א מלמד דא און א מלמד אין אנדערע אפטיילונגען פון די תלמוד תורה?

קודם כל דאַרף מען אָנצייגן, וואָס ווער נאָך אַזויווי אונז ווייסט די אויסטערלישע האָרעוואַניע און געלונגענע אַרבעט וואָס די הונדערטער מלמדים אין אַלע אָפּטיילונגען פון די מוסדות הק' לייגן אַריין, בלב ונפש, זיך אַוועקצוגעבן פאַר יעדן איינציגן פון די תלמידים. ס'איז באמת צום שטוינען און לויבנסווערד די מסירות נפש און איבערגעגעבנקייט פון די מצדיקי הרבים ככוכבים, וואָס מוסדות קרית יואל איז שטאָלץ מיט דעם הויכן ניוואָ פון מלמדים אינעם מוסד.

אָבער, ווען ס'קומט צו די רעדע פון אונזער אָפּטיילונג, איז דאָס גאָר אַן אַנדערע מציאות, און דער פאַקט איז, און ס'איז אויך פּשוט און פאַרשטענדליך, אַז נישט יעדער איינציגער מלמד איז געאייגנט דערצו, אפילו אויב ער איז גאָר א געלונגענער און איבערגעגעבענער מלמד אויף זיין ביז איצטיגע פּאָזיציע.

לאָמיר אָנכאַפּן איין דוגמא: א געוועגליכער מלמד נאָך וואָס ער ענדיגט דעם טאָג, איז ער מער ווייניגער פריי. מ'איז טאַקע געוווינט פאַרנומען מיט די תלמידים אויך נאָך די אָפיציעלע חדר שעות, בפרט ווען מ'דאַרף רעדן מיט עלטערן אד"ג, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער פרייע צייט. ביי די מלמדים אינעם דאָזיגן אָפּטיילונג, דאַרף מען אַוועקגעבן לאַנגע שעה'ן זיך פאָרצוקוקן דעם סדר הלימוד פאַר די קומענדיגע טאָג.

שוין אָפּגערעדט דערפון אַז דער מלמד דאַרף זיין גרייט זיך אויסצולערנען די ספּעציעלע מעטאָדן וויאַזוי צו לערנען מיט די קינדער לויט די "זכרו" מעטאדן, עפּעס וואָס איז נישט גרינג פאַר קיינעם, און נאָך אַסאַך שווערער ביי אַן ערפאַרענעם לאַנג-יאָריגן מלמד, וואָס האָט זיך שוין זיין סדר און סיסטעם, און ס'איז אים כמעט אוממעגליך צו גיין יעצט 'אָנהייבן פונדאָסניי' מיט א פרישקייט, טוישן דעם גאַנצן סדר וואָס ער האָט געהאַט ביז היינט, און יעצט זיך נעמען טאַנצן צום טאַקט פון א נייעם פידל.

און אפילו ביי נייע מלמדים, דאַרף דער מלמד זיין עמיצער מיט א ספּעציעלן חוש צו האַלטן דעם 'פאָקוס' פון די קינדערלעך א גאַנצן טאָג, און דערצו ווען מ'לערנט מיט זיי אַזויפיל במשך איין טאָג. נאָכדערצו ווען ס'קומט צו האַלטן די שוואַכערע קינדער אַז זיי זאָלן קענען מיטהאַלטן געהעריג די לימודים.

## איין מינוט, דאס איז נישט חדר בלויז פאר מצוינים און גוטע קעפעלעך?

חלילה.

אדרבא, דאָס איז אויך איינע פון די גרויסע טעותים וואָס אַסאַך מענטשן האָבן, כאילו מ'נעמט בלויז אַריין קינדער מיט 'גוטע קעפּ'. אדרבא ואדרבא.

ס'איז אפילו לעכערליך אַזוי צו זאָגן, ווייל ווען מ'קלויבט אויס די קינדער ענדע פון כיתה ב', קען מען נאָך כמעט נישט דערקענען ווער ס'האָט באמת א גוטן קאָפּ און ווער נישט. ס'איז נישט ממש שייך דאָס צו רעכענען לויט טאַטעס, ווייל מיר לערנען דאָך נישט מיט די טאַטעס... נאָר מיט די קינדער, און געגוג און נאָך מאַכט זיך אַז ס'איז דאָ גרויסע חילוקים, אפילו צוויי ברידער פון די זעלבע משפּחה קענען זיין גאָר אַנדערש איינס פון אַנדערן.

בכלל ווען ס'קומט אָנצונעמען א קינד, קוקט מען בכלל נישט אויפ'ן קינד זעלבסט. ווען א טאַטע קומט איינשרייבן זיין קינד, לייגט מען אַראָפּ פאַר'ן טאַטן פּונקטליך וואָס ער נעמט זיך אַלס אונטער, סיי בנוגע די פינאַנציעלע זייט, און פּונקט אַזוי וויכטיג, בנוגע די אַרבעט וואָס ער וועט דאַרפן אַריינלייגן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט'ן קינד און מיט'ן מלמד און מנהל צו פאַרזיכערן אַז דאָס קינד האַלט מיט דעם סדר הלימודים, און אויב דער טאַטע איז גרייט דאָס זיך אונטערצונעמען, וועלן מיר אַלעמאָל זיין גרייט מיטצואַרבעטן מיט אים און מיט זיין קינד, בע"ה.גראדע אין דעם הינזיכט האָבן זיך אויך זאַכן שטאַרק געטוישט אין בלויז דאָס איינע יאָר. ווען אָנהייב האָבן מיר זיך געדאַרפט ווענדן צו עלטערן אויב זיי זענען גרייט אַריינצושיקן די קינדער, אָבער דאָס יאָר, נאָכ'ן הערן די געוואַלדיגע הצלחה בס"ד פון דעם חדר, לויפט מען שוין אונז נאָך...

עכ"פ, צוריק צום מלמד, ווי געזאָגט פאַרלאַנגט זיך פונעם מלמד ספּעציעלע טרענירונג און פעאיגקייטן צו קענען האַלטן א קלאַס אין די ראַמען פאַר אַזויפיל שעה'ן ווען במשך די צייט גיסט מען זיי אַריין אין

## פון וואו שטאמט דער ספעציעלער שיטת הלימוד?

מיט בערך פופציג יאָר צוריק האָט א חשוב'ער מחנך הרב משה קלעצקין פון ירושלים אַנטוויקלט א ספּעציעלע מהלך, וואָס מ'רופט היינט "שיטת זכרו תורת משה", און איז אויסגעבויט מיט פאַרשידענע מעטאָדן וויאַזוי צו ערמעגליכן קינדער צו קענען אָניאָגן גאָר אַסאַך לערנען און חזר'ן און געדענקען. מיט'ן לויף פון די יאָרן און וואַקסנדער ערפאַרונג האָט ער כסדר פאַרבעסערט זיינע מעטאָדן און מהלכים.

לויט "זכרו" לערנט מען קודם מיט די קינדער גאַנץ חמשה חומשי תורה אין די ריי, א חלק פון נביאים, דערנאָך לערנט מען עטליכע סדרים משניות און דערנאָך גמרא. און ס'ווערט געלערנט אויף א וועג מיט א סיסטעם וואָס ברענגט אַריין די קינדער 'אין די זאַך', זיי זאָלן קענען און וועלן מיטהאַלטן, און אויך בעסער געדענקען.

בערך די זעלבע תקופה האָט הרב יצחק שלמה זילבערמאַן אַנטוויקלט א נייער אייגנאַרטיגער סדר הלימוד וואָס ווערט היינט גערופן אין די וועלט מיט'ן נאָמען "שיטת זילבערמאַן", און האָט גאָר אַן אַנדערע ציל ווי "זכרו" פון הרב קלעצקין. זיין עיקר ציל איז געווען צוריק צו גיין לערנען לויט'ן סדר פון די משנה, "בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן חמשה עשרה לתלמוד", אא"וו.

הרב זילבערמאַן איז געווען א מערקווירדיגער טיפּ, וועלכער איז געקומען אָריגינעל פון דייטשלאַנד, און זיין פאַמיליע איז אַנטלאָפן פון דאָרט נאָכ'ן אויפשטייג פון נאַציזם. נאָך זיין חתונה האָט ער זיך אָנגעטון דעם ירושלים'ער לבוש, און כסדר 'געשפרינגען' פון איין פּלאַץ צום אַנדערן. א שטיק צייט איז ער געווען פאַרבינדן צו חב"ד, שפּעטער צו ברעסלאָוו, ער האָט אויך געהאַט א קשר מיט'ן בית ישראל פון גער, ער האָט אפילו איבערגעדרוקט א מהדורא פון ספה"ק תולדות יעקב יוסף.

שפּעטער האָט ער זיך באַקענט מיט הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך ז"ל און זיין זון הגאון רבי שמואל אויערבאַך ז"ל. אונטער זייער השפּעה האָט ער זיך דערנענטערט צו די ליטווישע וועלט. ער האָט זיך באַטראַכט אַלס נאָכפאָלגער פון גר"א און געוואָרן א מתנגד...

במשך די צייט האָט ער אויך אַקטיוו גענומען אַגיטירן אַז מ'זאָל צוריקגיין צו די אָריגינעלע סדר וואָס שטייט אין די משנה, פון "בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן חמשה עשר לתלמוד". ער האָט אַנטוויקלט דאָס וואָס רופט זיך היינט "שיטת זילבערמאַן", אונטער וועלכן ביי די פינף יאָר לערנט מען קודם אַדורך גאַנץ תורה-נביאים-כתובים, און דערנאָך לערנט מען דורך משניות, און שפּעטער לערנט מען גמרא. זיינס א הויפּט שיטה איז, אַז "כמות" איז וויכטיגער ווי "איכות", און מ'דאַרף נישט לערנען צופיל בעיון, בעיקר דאַרף מען אָניאָגן ווי מער.

איינע פון די הויפּט חילוקים צווישן די צוויי מהלכים, איז דערמיט וואָס ביי "זכרו" איז מען אַסאַך מער מקפּיד אויף די הבנה פונעם קינד, אַנדערש ווי ביי "זילבערמאַן", וואָס דער ציל איז לערנען וואָס מער, אויך אויפ'ן חשבון פון פאַרשטיין.

דער הויפּט חילוק איז אָבער אַז אינדערצייט וואָס "זילבערמאַן" האָט בלויז געצילט צו לערנען לויט'ן סדר וואָס ס'שטייט אין די משנה, אָן קיין שום באַזונדערע חידושים, האָט אָבער "זכרו", דורך הרב קלעצקין, ווי געזאגט געלייגט א דגוש אויפצוקומען מיט ספּעציעלע מעטאָדן און מהלכים "וויאַזוי" צו לערנען מיט די קינדער, אויף א וועג וואָס זאָל ערמעגליכן נישט בלויז מצויינים, נאָר אויך דורכשניטליכע קינדער, צו קענען קונה זיין גאָר אַסאַך און אין א רעלאַטיוו-קורצע צייט, און מ'לערנט און מ'חזר'ט אויף א וועג וואָס בלייבט איינגעקריצט אינעם קינד'ס מח פאַר לאַנגע יאָרן בע"ה.

ס'איז אוממעגליך אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל אַריינצוגיין אין די פּונקטליכע מעטאָדן, וואָס ס'פאָדערט דערצו א גרויסער מומחיות, און מיר שרייבן עס בעיקר כדי מ'זאָל פאַרשטיין וואָס איז דער חילוק צווישן די צוויי באַזונדערע מהלכים אין לערנען, וואָס איז שטאַרק אַנדערש איינס פון אַנדערן.

[מיר דאַרפן עס אַרויסברענגען, ווייל א חלק פונעם שקר וואָס מען פאַרשפּרייט קעגן דעם אָפּטיילונג, איז כאילו אונזער מהלך קומט פון "זילבערמאַן", וואָס ער האָט במשך די יאָרן געעפנט אַן אייגענע קהלה מיט'ן נאָמען "אדרת אליהו", וועלכע איז היפּש אָפּגעפרעמדט און פאַרקראָכן פון דרכי אבותינו ורבותינו, אָפּגעזען בעניני אמונות ודעות, אָבער אפילו פון די אַלגעמיינע חרדי'שע וועלט זענען זיי היפּש אַנדערש און 'מאָדנע', ווי צב"ש אַז זיי גייען אָנגעטון מיט תפילין א גאַנצן טאָג, אד"ג - און דערמיט זוכט מען צו וואַרפן א נאַסע ליילעך כאילו דער ועד החינוך שטייט אין פאַרבינדונג מיט 'זילבערמאַן' און ברענגט דאָ אַריין פרעמדע השקפות ח"ו, אינדערצייט וואָס ס'איז נישטאָ חלילה קיין שייכות מיט יענע פרעמדע עלעמענטן. וד"ב.

נאָכמער, ס'איז ניטאַמאָל אַז דער נייער אָפּטיילונג האָט אַהערגעברענגט "שיטת זכרו". דער סדר הלימוד דאָהי איז היפּש אַנדערש פון זייער סדר הלימוד, אודאי דערמיט וואָס מיר לערנען יעדע וואָך אויך די פּרשה פון די וואָך, און מיט נאָך פאַרשידענע זאַכן. דער עיקר וואָס מ'נעמט פון "זכרו" איז זייערע ספּעציעלע מעטאָדן און מהלכים וויאַזוי צו לערנען און חזר'ן.]

די קעפּ אַזויפיל הויפּענעס ידיעות.

עס דאַרף טאַקע עקסטער באַטאָנט ווערן, אַז דער אויפטו פונעם "זכרו" מהלך איז נישט נאָר דאָס אַז מ'לערנט אַסאַך, נאָר אויך דער מהלך און מעטאָד איז ספּעציעל אויסגעאַרבעט, נאָך יאָרן עס איבערגיין און אויספּוצן און פאַרבעסערן, וואָס איז א וויכטיגער חלק אינעם מעגליכקייט צו קענען אריינפּאקן אַזויפיל ידיעות אין אַזעלכע יונגע קעפּעלעך, סיי מצוינים און סיי נישט מצוינים - און דאָס איז אגב אויך א תירוץ אויף די וואָס פרעגן 'פאַרוואָס האָט מען עס נישט געמאַכט ביז היינט?', און דער תירוץ איז פּשוט, ווייל ביז היינט האָט מען נישט געהאַט אויסגעאַרבעט די ספּעציעלע מעטאָדן.

דאָס קומט טאַקע באַגלייט מיט א 'פּרייז', פּשוטו כמשמעו, אַז ביי אונזער אָפּטיילונג דאַרף מען צאָלן פאַר מלמדים א טאָפּלטער פּרייז פון וויפיל מ'צאָלט פאַר א געוועהנליכן מלמד. - און מ'מעג זאָגן הויך, באמת הלואי וואָלט מען ווען געקענט באַצאָלן פאַר יעדן מלמד אַסאַך מער, אַז זיי זאָלן קענען האָבן הרחבת הדעה און מנוחה.

א מלמד אין נייעם אָפּטיילונג מוז אַריינלייגן נאָכמער עקסטערע שעות אין זייטיגע צייטן, ווי שוין דערמאַנט, אויסער וואָס ער דאַרף זיך טרענירן און לערנען צו קענען נאָכפאָלגן די מעטאָדן און מהלכים וויאַזוי צו לערנען מיט די קינדערלעך. און פאַר די אַלע סיבות צאָלט מען טאַקע א שיינעם געהאַלט פאַר די מלמדים דאָ.

## *נו, וויאזוי טאקע, 'מהיכן ירק זה חי'? פון וואו נעמט מען טאפלט געלט פאר'ן מלמד?!*

פרעגסט א גוטע שאלה...

א הויפּט געלט-קוואַל איז די העכערע שכר לימוד קאסטן וואָס עלטערן לאָזן זיך באַצאָלן כדי צו קענען געבן פאַר זייערע קינדער די געלעגנהייט צו קונה זיין אַזויפיל ידיעות התורה.

אַלע אַרומיגע קאסטן, ווי די כיתה, עס-זאַל, באָסעס וכדו', ווערט געדעקט דורך די הנהלת המוסדות, ווי אין אַלע אָפּטיילונגען.

אָבער ס'בלייבט נאָך אַלץ א גרויסער לאָך אויף די הנהלה זעלבסט, בפרט ווען כסדר קומען אַהער מחנכים וועלכע זענען אויסגעקאָכט מיט די מעטאָדן פון "זכרו" און באַגלייטן די מלמדים אַרויסצוהעלפן בעצה ותושי' וואָס מ'דאַרף, אָפּצושאַצן די קינדער און זייער פּראַגרעס, און פאָרזעצן די טרענירונג וואָס פעלט זיך כסדר אויס פאַר די מלמדים, און דאָס קאָסט אונז אויך אָפּ א הון תועפות.

## *למעשה, זעט מען שוין עפעס תוצאות פונעם פארגאנגענעם יאר לערנען?*

א שאלה צי מען זעט? האָסט נישט געהערט די התרגשות וויאַזוי רבינו שליט"א האָט גערעדט ביים דינער פאַרגאַנגענעם מוצש"ק וישלח פון די שטאַרקע הצלחה און סוקסעס ווען מ'זעט קליינע קינדער זענען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אויסטערלישע ידיעות? און דער רבי איז ווייט נישט דער איינציגסטער.

ב"ה, מ'זעט אַזעלכע הערליכע פּירות, און דער פאַרלאַנג שטייגט כסדר פון טאַטעס וועלכע הערן פון עלטערן און זיידעס מיט קינדער/אייניקלעך אינעם אָפּטיילונג, און דאָס גיבט אונז דעם גרעסטן חיזוק און שטופּ אָנצוגיין דערמיט ווייטער, טראָץ אַלע שוועריגקייטן.

און דאָס איז בלויז דער אָנהייב. מיר זענען איבערצייגט אַז בכחו וזכותו של אותו זקן, מרנן רבוה"ק הדברי יואל והברך משה זי"ע די מייסדי המוסדות, און די געוואַלדיגע סיעתא דשמיא וואָס באַגלייט כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער איז אַזוי שטאַרק אַריינגעטון אין די אָפּטיילונג און יעדע זאַך ווערט אויפגעברענגט ביי אים אויפ'ן טיש, וועט מען צום סוף זען אַסאַך געוואַלדיגע פּירות, וואָס וועט איבערלאָזן פינגער אָפּדרוקן אויף אַלע טויזנטער תשב"ר אין אונזערע מוסדות הק'.

# תלמוד תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר

קרית יואל יצ"ו

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ב"ה

לכ' ההורים החשובים, החפצים להרשים בניהם בתוך ה'כיתה' של ה'נייע אפטיילונג' שע"י התלמוד תורה, באנו בזה בשורות קצרות לפרט סדרי הלימודים, והפרטים החשובים שעליהם נותנים דגוש בתוככי הכיתה, בעזרת השי"ת.

ראשית כל עלינו לשבח לאדון הכל, אשר ב"ה זכינו לשנת הצלחה למעלה מן המשוער, שתלמידי כיתה ג' וכיתה ה' למדו, וחזרו, ועומדים עכשיו על המבחן בעזהי"ת על כל הנלמד, ויראת ה' חופפת על פניהם, כה יתן ה' וכה יוסיף.

**הכיתה מיוסדת על היסודות:**

**תורה ויראה** - להטביע בתלמידים דרכי תורה ויראה ע"ד המסורה לנו, כנהוג בכל השנים, ידיעות ההלכה, דרכי מוסר, מסורת רבותינו הקדושה וכו'. על פי דרכי רבותינו הק' בכל הענינים, ועל כל דבר הקשה מורה לנו כ"ק מרן רבינו שליט"א כדת מה לעשות על כל פרט ופרט.

**מילוי הזמן** - מהלך מיוחד למלאות כל רגע ורגע מסדר היום לקנין תורה, ודבר זה מביא תועלת רבה, הן בחינוך הבנים על יקרת הזמן, והן **שזוכים לקנות יותר חלקי התורה מהרגיל.**

**קנין תורה** - שיקנו התלמידים קנין גמור בכל הלימודים הנלמדים, ע"י סדרי לימודים וחזרות בכמה אופנים, שכל דבר נלמד הרבה פעמים וכו', כדי שיזכרו את הנלמד לכל אורך ימיהם.

**משנה תורה** - ע"י מילוי הזמן, וע"י החזרות תמידיות, זוכים לקנות קנין גמור וידיעה מקיפה בכל חלקי התורה, חמשה חומשי תורה (בשלימות בע"פ, עם פירוש רש"י) נ"ך, ג' סדרים משישה סדרי משנה (בידיעה בהירה, ובע"פ), וגמרא פירוש תוספות.

## סדר הלימודים:

**כיתה ג'**

- **חומש פרשת השבוע:** פרשת השבוע כרגיל, עם קצת פי' רש"י.
- **חומש על הסדר** - במשך השנה ילמדו כל חומש בראשית (ע"פ פירוש רש"י).
- **חזרה** - על כל חומש בראשית (בסוף השנה יעמדו התלמידים על המבחן אי"ה על 'כל' סדר בראשית בע"פ).
- **נביא** - נביאים ראשונים.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד).
- **עניינא דיומא** - לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'.

**כיתה ד'**

- **חומש פרשת השבוע:** במשך הסדרות בראשית שמות, יגמרו בכל שבוע את החומש מכל הפרשה, ובשאר פרשיות חלק מהסדרה עם רש"י כרגיל.
- **חומש על הסדר** - במשך השנה חומשים שמות ויקרא. וגם יעשו **חזרה** על חומשים בראשית שמות ויקרא. בסוף השנה יעמדו על המבחן אי"ה על כל סדר בראשית-שמות-ויקרא (בע"פ).
- **נביא** - נביאים ראשונים.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד).
- **עניינא דיומא** - לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'.

**כיתה ה'**

- **חומש פרשת השבוע:** בכל שבוע יגמרו את החומש מ'כל' פרשת השבוע (עם חלק מרש"י).
- **חומש על הסדר** - לימוד במדבר ודברים, וחזרה על כל 'חמשה חומשי תורה', בסוף השנה יעמדו על המבחן על כל הנ"ל.
- **נביא** - נביאים ראשונים.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד)
- **עניינא דיומא** - לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'

**כיתה ו'**

- **חומש פרשת השבוע:** בכל שבוע יגמרו את החומש מכל פ' השבוע (עם רש"י).
- **משניות:** כל סדר קדשים.
- **נביא:** נביאים אחרונים.
- **חזרה-** על כל חמשה חומשי תורה, ומשניות סדר קדשים ועוד, ויעמדו על המבחן בע"פ בסוף השנה.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד)
- **עניינא דיומא:** לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'.

**כיתה ז'**

- **חומש פרשת השבוע:** בכל שבוע יגמרו כל פרשת השבוע (עם כל הרש"י).
- **משניות:** חצי סדר זרעים.
- **גמרא 'תוספות'** - כמה פרקי גפ"ת.
- **נביא:** נביאים אחרונים.
- **חזרה-** על כל חמשה חומשי תורה, ומשניות סדר קדשים, וחצי סדר זרעים, פרקי גפ"ת, ועוד, ויעמדו על המבחן בע"פ בסוף השנה.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד)
- **עניינא דיומא:** לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'.

**כיתה ח'**

- **חומש פרשת השבוע:** בכל שבוע יגמרו כל פרשת השבוע (עם כל הרש"י).
- **משניות:** חצי סדר זרעים השני.
- **גמרא 'תוספות'** - כמה פרקי גפ"ת.
- **נביא:** נביאים אחרונים.
- **חזרה-** על כל חמשה חומשי תורה, ומשניות סדר קדשים, כל סדר זרעים, פרקי גפ"ת (מכיתה ז' וח'), ויעמדו על המבחן בע"פ בסוף השנה.
- **מוסר, הלכה** (סדר מיוחד)
- **עניינא דיומא:** לקראת כל יו"ט ויומא דפגרא מעניינו של יום, מגילות אסתר, רות, איכה, הגדה של פסח, אקדמות, וכו'.

וזאת למודעי, אשר היות שבשנה זו כמה כיתות עדיין חדשים, והתחילו באמצע המחזור, ע"כ יהיו איזה שינויים בהסדר לשנה זו.

ונסיים מעין הפתיחה בתפילה להשי"ת שחפץ ה' בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה, ולגדל דור שלם של תלמודי חכמים יודעים את ה', עדי נזכה לביאת גוא"צ בב"א.

**בכל הכבוד, וועד החינוך**

## מען פלאנט עווענטועל איינצושטעלן דעם סיסטעם אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות?

ניין.

ווי געזאָגט, און ווי דער רבי שליט״א האָט עס דערמאַנט די וואָך אין די דברות קודש, איז פשוט נישט שייך אַז דאָס זאָל ווערן א נחלת הכלל.

דאָס נעמט אָבער נישט אַוועק פון וואָס מיר האָבן פריער ערוועהנט, אַז דער אָפּטיילונג איז "נישט" געשטעלט בלויז פאַר מצוינים. יעדער טאַטע וואָס איז גרייט און אַנערקענט אַז זיין קינד איז גרייט צו לערנען און מיטהאַלטן דעם סדר הלימודים, ווערט אויפגענומען בכבוד גדול, אָן וואָס מ׳זאָל אים בודק זיין די ציצית.

און צוריקגעשמועסט, ס׳איז נישט שייך קיין בעסערער מקיים זיין די מצוה פון "ושננתם לבניך" ווי דאָס, צו קענען אַהערשטעלן דעם קינד אַז ער זאָל לערנען יעדע איינציגע וואָך די גאַנצע סדרה חומש רש״י, שוין אָפּגערעדט פון די אַנדערע פילע ברייטע ידיעות וואָס מ׳לערנט און מ׳וועט לערנען אין דעם אָפּטיילונג במשך די קומענדיגע יאָרן.

## וואס איז טאקע דער סדר הלימודים דורכאויס די יארן?

דאָ האָסטו וואָס מיר האָבן געשיקט פאַר די עלטערן אָנהייב יאָר [זעט אין דער זייט בייגעלייגט דעם פונקטליכן סדר הלימודים]. דאָ קענסטו זען די פונקטליכע ליסטע ווען און וואָס מ׳לערנט, סיי חומש-רש״י, א חלק נביאים און כתובים, משניות, גמרא, מוסר, הלכה, אא״וו.

דאָס איז אַלעס אויסגערעכנט מיט א פונקטליכן סדר, וויאַזוי די קינדער זאלן קונה זיין דעם מאַקסימום סיי ביים לערנען יעצט, און סיי אַז עס זאָל בלייבן איינגעקריצט אויף יאָרן שפעטער.

דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס צב״ש מען הייבט אָן לערנען גמרא אין כיתה ז׳. ס׳איז אויפגעברענגט געוואָרן א מהלך אַז מ׳זאָל אָנהייבן לערנען א סדר פון גמרא שוין אין פריערדיגע כיתות, אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער מציאות אַז ס׳איז נישט מעגליך צו לערנען געהעריג מיט די קינדער אין די זעלבע צייט אויף די חומש-רש״י על הסדר, און אויך די גמרא, אַז ס׳זאָל ווערן געלערנט געהעריג מיט׳ן מהלך וואָס די קינדער זאלן עס קענען קונה זיין און איינזאַפּן אויף זייער גאַנץ לעבן.

ווי פאַרשטענדליך, ווען מ׳הייבט אָן צו לערנען גמרא, איז עס אויך אַהערגעשטעלט מיט א ספעציעלן מהלך אַז די קינדער זאלן עס קונה זיין גרונטליך, און שנעל, וואָס נאָך עטליכע יאָר האָבן געלערנט און גע׳חזר׳ט די חמשה חומשי תורה, ווי אויך גאַנצעטע מסכתות משניות (זעט אינעם סדר הלימודים), גייט שוין צו פיל גרינגער דאָס לערנען די גמרא.

דער מציאות איז, אַז ווען מ׳גייט אַרויס פון דעם אָפּטיילונג צו די ישיבות קטנות, האָט דער יונגל/בחור קונה געווען, אויסער גאַנץ חומש-רש״י, אויך א גרויס חלק פון נביאים, עטליכע סדרים משניות, און פילצאָליגע בלעטער גמרא מיט תוספות.

## א האקעלע שאלה: אויב-איז דער סיסטעם אזוי געלונגען, פארוואס איז עס נישט געווארן איינגעשטעלט דורך אסאך מער מוסדות?

פשוט. ס׳איז זייער שווער, און ס׳איז נישט קיין דבר השוה לכל נפש.

לאָמיר זאָגן נאָך קלאָרער. פאַריאָר, בעפאָר מיר האָבן אָנגעהויבן, האָבן מיר אויך געהאַט די זעלבע קשיא, פאַרוואָס איז נישטאָ מער מוסדות וואָס שטעלן איין דעם סיסטעם

וואו מיר שטייען יעצט, איז די קשיא בכלל נישט שווער...

אויב עפּעס, איז עפענען און אָנפירן דעם מוסד אַזוי שרעקליך שווער, אַז צומאָל קען מען זיך ממש נישט גלייבן וואו מ׳איז אָנגעקומען בס״ד.

## א גרויסן יישר כח פאר אייער צייט. הצלחה - און סיעתא דשמיא אויף ווייטער.

אמן.

## תמצית, איז דער נייער אפטיילונג געבויט לויט׳ן סדר הלימודים וואס מיר האבן מקובל מדור דור?

בלי שום ספק.

אדרבא, אויב עפּעס, האָט דאָס נאָך מוסיף געווען אַקוראַט דאָס וואָס רבותינו הקדושים זי״ע האָבן אָרגינעל געהאַט געוואָלט און פאַרלאַנגט, ספּעציעל מיט דער נקודה אַז מ׳קומט עווענטועל אָן צו לערנען די גאַנצע פרשה חומש רש״י יעדע וואָך.

אַנדערש פון געוויסע תלמודי תורה אין ארץ ישראל, וואו מ׳לערנט טאַקע נאָר חמשה חומשי תורה אין די רייע אָן לערנען די פרשה פון די וואָך, האָט מען אינעם דאָזיגן אָפּטיילונג איינגעשטעלט אַז מ׳לערנט די סדרה פון די וואָך, אַזויווי אין אַלע אַנדערע קלאַסן פון דעם יאָרגאַנג, נאָר די איבריגע צייט לערנט מען חמשה חומשי תורה על הסדר. - זעט באַזונדער דעם סדר הלימודים אינערהאַלב דעם אָפּטיילונג, איינגעטיילט לויט׳ן יאָרגאַנג.

און ממילא, וויבאַלד מ׳לערנט דאָ געהעריג די סדרה פון יעדע וואָך, פאַלט אויטאָמאַטיש אַוועק אַלע מראי מקומות און ראיות וואָס די מסלפים ברענגען פון גדולי הדורות איבער דעם אַז מ׳טאָר נישט משנה זיין צו לערנען בלויז "חמשה חומשי תורה על הסדר", נאָר מ׳מוז אָנהאַלטן צו לערנען יעדע וואָך די סדרה פון די וואָך, ווייל טאַקע אַקוראַט דאָס טוט מען דאָ. מ׳לערנט די סדרה פון די וואָך, נאָר מען לערנט "אויך" חמשה חומשי תורה לויט׳ן סדר, אַלס "הוספה".

נאָכמער.

אינעם קונטרס "שלהבת קודש", א ליקוט איבער עניני חינוך וואָס זענען געהערט געוואָרן פון מרן רביה״ק מסאַטמאַר זי״ע, איז אָפּגעדרוקט רשימות פון וואָס עס האָט זיך באַצייכנט בשעתו הרה״ח ר׳ וואָלף הכהן כ״ץ שליט״א, נאָך אַן אסיפת מלמדים מיט׳ן רבי׳ן זי״ע אין יאָר תשכ״ד. - אגב, מיר האָבן געהערט פון ר׳ וואָלף׳ן אַז ער איז דאַן געווען א מלמד אין אַן אַנדערע תלמוד תורה, נישט אין סאַטמאַר, אָבער ער האָט ׳אריינגעבלאנזשעט׳ ביים אסיפת מלמדים, און דער רבי זי״ע האָט זיך אָנגערופן צו אים, "ר׳ וואָלף, ביזט דאָך א מלמד, זעץ דיך אַוועק און האַלט מיט וואָס מ׳רעדט דאָ".

צווישן אַנדערן האָט ער זיך פאַרצייכנט, אַז דער רבי האָט געזאָגט אַז מ׳דאַרף לערנען מיט די קינדער חומש רש״י, כל התורה כולה, אַזויווי דער חיוב פון "משלים פרשיותיו עם הציבור", וואָס מ׳דאַרף לערנען די גאַנצע רש״י פון יענע סדרה.

מ׳האָט דאַן אויסגעשמועסט מיט׳ן רבי׳ן דעם פּראָבלעם אַז טאַטעס פאַרהערן די קינדער בלויז דעם שיעור גמרא פון די וואָך, און נישט חומש רש״י. דערויף האָט דער רבי געענטפערט, איינע פון די טעמים, אַז דאָס איז טאַקע ווייל די עלטערן אַליין קענען נישט די חומש רש״י...

ווען די מלמדים האָבן זיך אָפּגערעדט אַז זיי האָבן נישט גענוג צייט צו לערנען מיט די קינדער סיי גמרא און סיי חומש רש״י, האָט דער רבי זיך אָנגערופן, אַז מ׳וואָלט ווען געדאַרפט איינפירן אַז "מען זאָל נישט אָנהייבן לערנען קיין גמרא בעפאָר דאָס קינד האָט געענדיגט לערנען כל התורה כולה חומש מיט רש״י, און ער קען עס, ערשט דאַן זאָל מען אָנהייבן גמרא, אָדער אַז אין די כיתה וואו מען הייבט אָן לערנען גמרא זאָל מען לערנען בלויז אַביסעלע גמרא און דער עיקר לימוד זאָל זיין חומש רש״י".

עד כאן דבריו הקדושים!

באמת אָבער איז עס נישט דעם רבי׳נס אייגענע חידוש, דאָס קומט נאָך פון הייליגן בני יששכר.

אין ספה״ק מעין גנים (פרק י״ב הגה ו׳) איז ער מאריך אינעם סדר הלימודים וויאַזוי מ׳דאַרף לערנען מיט קינדער (זעט באַלד מער דערוועגן), און ער רעדט דאָרט אַרום אַז מ׳זאָל דערווייטערן די קינדער פון חכמת הדקדוק - וויבאַלד די משכילים נוצן עס אויף צו שפעטן פון דברי חז״ל ר״ל - נאָר מ׳זאָל לערנען מיט׳ן קינד, תיכף מנעוריו, לימוד גמרא און אויך יעדן טאָג אַביסל פון מקרא, ד.ה. נביאים וכתובים.

לייגט ער צו דאָרט: "חוץ התורה הקדושה צריך ללמדה כולה "חוץ פון די תורה הקדושה [ד.ה. חמשה חומשי תורה] וואָס מען דאַרף לערנען די גאַנצע, מראש ועד סוף, ווען ער הייבט אָן לערנען, תיכף ווי נאָר ער קען פאַרשטיין דאָס לערנען לויט זיין שכל". - וואָס דאָס איז ממש אַקוראַט וואָס דער רבי זי״ע האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף קודם לערנען כל התורה כולה חומש מיט רש״י, בעפאָר מען הייבט אָן צו לערנען גמרא.

און ס׳איז טאַקע ספעציעל וויכטיג דאָס אַרויסצוברענגען, ווייל די וועלכע טענה׳ן פאַלשערהייט אַז אינעם נייעם אָפּטיילונג איז מען חלילה "משנה די אַלטע מסורה פון אַמאָל" נוצן די ווערטער פונעם הייליגן בני יששכר מיט א טענה אַז מ׳לערנט נאָכנישט קיין גמרא אין כיתה ד׳, אַז דאָס זאָל כאילו זיין קעגן וואָס דער בני יששכר האָט געשריבן.

אָבער מיט די ווערטער פון דעם בני יששכר זעלבסט, אַז מ׳דאַרף לערנען כל התורה כולה "פון אָנהויב ביז׳ן סוף" בעפאָר מ׳הייבט אָן לערנען גמרא מיט א קינד, מיט דעם האָבן זיי עפּעס נישט קיין שום פּראָבלעם...